מאני לייב



I have a story here to tell
To all my children—you as well.
Hush, dear friends, be very still—
Hear my story, if you will.

There's a land that's quite remote,
Beyond the reach of train or boat;
Even traveling by horse
couldn't bring you there on course.

In this far-off land we find
A valley, and right through it winds
A river, stretching like a string,
Thin and straight as anything.

Near the river, on each shore
Stand some houses, and, what's more
There are streets, a market too,
And a mountain in full view.

Jews and Christians live like brothers,
Sharing, helping one another,
Always glad to lend a hand—
All's well in this far-off land.



האָב א מעשה׳לע אַ שעהנע,
פאַר די קינדער מײַנע קלײנע.
זײַט זשע, קינדער, שטיל און שאַ,
ס׳איז מײַן מעשה׳לע אַזאַ:

ערגעץ ווײַט, ווײט, ווײַט פון דאַנען,
צוצוקומען ניט מיט באַנען,
ניט מיט שיפן, ניט מיט פערד —
ערגעץ אויף אַ ווײַטער ערד

האָט אַ טאל זיך דאָרט געפונען.
און אין טאָל איז דורכגערונען,
ווי אַ שנירל ווײַט און גלײַך,
ווײַט און גלײך, אַ קלײנער טײַך.

און בײַם טײַך פון בײדע ברעגן,
זײנען שטיבער פיל געלעגן,
שטיבער, גאַסן און אַ מאַרק,
און בײַם זײט פון מאַרק אַ באַרג.

און די גוים און די אידן
האָבן דאָרט געלעבט צופרידן.
ווער אין פרייד און ווער אין נויט,
יעדער האָט געהאַט זײַן ברויט.



Then, it happened, one fine day,
That the summer went away—
Well, now, what is there to fear?
Summer runs off every year!

Winter comes before you know;
Covers everything with snow—
Houses, mountain, marketplace—
All entwined with frosty lace.

All about the world is bright
In its dress of snowy white;
Just like this the valley stays
'Til Pesach comes—and milder days.

Peasants come from all around,
Driving sleighs right into town.
Every sleigh is piled high
With geese and wood, with hay and rye.

Jews are running everywhere,
Selling here and buying there,
Faces shining as they say,
"What a splendid market day!"

האָט זיך איינמאָל דאָרט געטראָפן,
אַז דער זומער איז אַנטלאָפן.
נו, איז וואָס איז דאָ דער שרעק,
אַז דער זומער לויפט אַוועק?

נאָכן זומער קומט דער ווינטער,
קומט דער ווינטער און באַשפּינט ער
שטיבער, באַרג און מאַרק און פּלייט
אין אַ שנייאיג-ווײַסן קלייד.

ווײַס און ליכטיג אַ פאַרשנייטער,
און אַ ווײַטער און אַ ברייטער.
שטעהט אזוי דער ווײַטער וועג
ביז די לינדע פּסח-טעג.

גוים קומען זיך צופאָר;
פירן פולע שליטענס קאָרן,
גענז און האָלץ, און שטרוי, און היי,
אָנגעלאָדן אָט אַזוי.





אידן שמײַען אום און לויפן,
דינגען, קויפן און פאַרקויפן;
יעדן אידענס פּנים שײַנט:
ס'אַראַ מאַרק אַביסל היינט!

Gangs of boys go skating by,
Squealing, wheeling, as they fly
Over ice as blue and fair
As the sparkling winter air.

Other fellows race downhill,
Sledding, flying, then they spill,
Tumbling, screaming as they go
'Til they land in banks of snow.

Children using all their might
Roll up snowballs, big and white,
Stack them up as best they can,
Make themselves a fine snowman

With a nose and mouth and eyes.
And the snowman, good and wise,
Watches one boy rub his ear
And whisper, "Stay 'til spring this year."





חברה לויפן אויף די גליטשן,
מאַכן קונצן, הילכן קוויטשען,
און דער אַייז איז בלוי און ווייך,
ווי דער הימל אין דער הייך.

שקצים אין די גרויסע היטלאַך
פליהען באַרג אַראָפּ אויף שליטלאַך
מיט אַ פּייף און אַ געשריי,
קוליע, קוליע-און אין שניי!

אינגלאַך ראַיען זיך און שלעפּן,
קײַקלען קלעצער שניי און קלעפּן
פּעטער שנייער׳ס גוט און וואויל,
מיט אַ נאָז און מיט אַ מויל.

שטעהט אַ אינגל ביי דעם טויער,
רייבט דעם אויער: פּעטער שנייער,
זאָלסט אַזוי ביז פּסח שטעהן,
ביז מען דאַרף אין חדר געהן.



But this year, as it turned out,
Winter never came about.
It was damp and dark as pitch—
Just like living in a ditch!

How the rains did fall and fall—
Winter wasn't there at all.
There wasn't any snow to see—
Snow had simply ceased to be.

And the market turned to muck.
Take one step, and you'd get stuck.
Try to travel, if you please—
Streets oozed right up to your knees!

A peasant with his horse and cart
Tried to cross the mud-filled mart;
Cracked his whip, "I won't be stopped!"
Poor horse—pulled until it dropped.

Then, a coachman passing through
Got his wagon stuck there, too.
How he ranted, how he cursed!
But he sank down all the worse.

All the little boys in school
Studied late, as was the rule.
But to cross the mud at night
Gave them all an awful fright.



בער דאָס איז פאָרגעקומען,
אַז דער ווינטער איז געקומען
נאַס און פינסטער, ווי אַ גרוב,
כאָטש ניט געה אַרויס פון שטוב.

און אַ רעגן האָט געגאָסן
ניט ווי ווינטער, נאָר ווי אָסיען,
און קיַין שניי איז ניט צו זעהן,
ווייל קיין שניי איז ניט געווען.

בלאָטיג איז אין מאַרק געווארן
ניט צו געהן און ניט צו פאָרן;
געהן און פאָרן — וואו און ווי,
אַז ס'איז בלאָטע ביז די קניה.

ווערט אַ גוי אין מאַרק פאַרטראָגן,
בלייַבט אין בלאָטע שטעהן זיין וואָגן,
שעלט דער גוי, זיין בייטשל קנאַלט,
שלעפּט דאָס פערדל, ביז עס פאַלט.

פאָרט אַרויס אַ בעל־עגלה,
וויאָקעט, נאָקעט — מיט אַ קללה,
צי מיט גוטן — פערדלאַך, פאָרט,
און די פערדלאַך, ניט פון אָרט!



און די אינגלאַך, ווי דער סדר,
לערנען ווינטער שפּעט אין חדר;
האָבן זיך געשראָקן שטאַרק
געהן אין בלאָטע דורכן מאַרק.



Townsfolk now began to grieve,
For the mud refused to leave,
And there was no snow to see,
As if the snow had ceased to be.

They grew more and more afraid—
Night and day the Jews all prayed,
Filled the synagogue with singing;
Christians set the churchbells ringing.

Things were getting serious now—
Schoolboys took a solemn vow:
"Come, dear snow, and if you do,
I promise I'll be good and true."

They bought no rolls or other treats;
Now, they hurried through the streets
Buying lanterns—red and bright,
To guide them through the town at night.

Well—something else this town has got
Is a boy named Tsingl Khvat.
A special fellow, this boy Tsingl,
You see, he didn't fear a single

Thing at all—He said, "Who cares?
You think we'll be attacked by bears?
Who needs a lantern? Not for me!
I'd rather go my own way, see?"

The other fellows sat and stared:
"Could our Tsingl not be scared?"
What Tsingl said was always true—
So they asked, "What would he do?"





אָבן מענשן פיל געטרויערט,
וואָס די בלאָטע לאַנג געדויערט.
וואָס קײַן שנײ איז ניט צו זעהן;
און קיין שנײ איז ניט געווען.

האָבן מענשן זיך דערשראָקן,
גוים קלינגען אין די גלאָקן,
אידן טיאָפּקענען אין שול,
אַז די גרויסע שול ווערט פול.

און די אינגלאַך פון דעם חדר,
יעדער אינגל טוט אַ נדר:
שנײ געטרייער, קום שוין, קום!
איך וועל ווערן גוט און פרום.

קויפט קײַן אינגל ניט קיין בייגל.
קויפן פליהט ער, ווי אַ פויגל,
אַ לאַמטערן פון פּאַפּיר,
רויט און לויטערן קאָליר.

נו, איז דאָרט געווען אַ אינגל,
האָט מען אים גערופן צינגל,
צינגל כוואַט — און צינגל כוואַט
האָט קיין מורא ניט געהאַט.

ער פלעגט לאַכן: אַ לאַמטערן!
כ'האָב קײַן מורא ניט פאַר בערן,
וועל איך מוראָ האָבן געהן
דורכן מאַרק בײַנאַכט אַליין?

אינגלאַך זיצן, הערן, שווײַגן.
אַלע ווייסן גוט, אַז לײַגן
צינגל כוואַט וועט קיינמאָל ניט,
ער איז דאָך ניט יוקל שמיד!



That night, the clock began to chime.
The rebbe said, “Well, now, it’s time
For boys to set out on their way—
School is finished for the day.”

No sooner had the rebbe spoken
But the evening’s calm was broken.
Boys began to yell, to fight:
“Who can give my lamp a light?”

Then they all went out together
In the wet and gloomy weather.
Though their lamps shone red and bright,
Each was trembling with fright.

All at once, a little tot
Spoke up, “Where is Tsingl Khvat?”
They called, “Tsingl, are you there?”
But Tsingl wasn’t anywhere.

They looked up, and they looked down
’Til, in the middle of the town
They saw Tsingl fall down, plop!
In the mud, from toe to top.

What an uproar! What to—do!
One boy shouted, “I’ll save you!”
But he wasn’t brave enough
To wade through all that muddy stuff.

Tsingl sang out happily,
“I like the mud! Just let me be!”
But though he tossed and squirmed about,
Tsingl couldn’t wriggle out.

All the boys cried, “Tsingl, Tsingl!”
They should help, but every single
Boy knew all too well the rule:
Come straight home right after school!



און אין אָווענט, ווי דער שטייגער
קוקט דער רבי אויפן זייגער,
און ער זאָגט אַרויס'עט קוים:
קינדער, נו, שוין צייט, אַהיים! —

ווערט אַ טומל, טויב צו ווערן:
— בערל-רעדל, מיין לאַמטערן,
גיב מיר פייער — קאָפּל-האָן,
צינד מיר מיין לאַמטערן אָן!

לאָזן אינגלאַך זיך צוזאַמען,
די לאַמטערנס-רויטע פלאַמען.
פינסטער לייכטן זיי דעם וועג,
און זיי ציטערן פון שרעק.

פלוצלינג טוט אַ פרעג אַ אינגל:
קינדער, וואו איז איצטער צינגל?
צינגל דאָרט און צינגל דאָ,
צינגל איז מיט זיי ניטאָ.

קוקן זיי אין אַלע זייטן —
פלוצלינג זעהען זיי פון ווייטן,
צינגל טוט אַ פאַל, אַ כליאָפּ,
און אין בלאָטע ביזן קאָפּ!

ווערט אַ ליאַרעם. שרייט אַ אינגל:
— וואַרט אויף מיר א רגע, צינגל!
און צו צינגלען צוצוגעהן
שרעקט דאָס אינגל זיך אַליין.

צינגל שטעהט אין בלאָטע פרעהליך
און צעזינגט זיך פרעהליך: הולך!
וואַרפט זיך, דרעהט זיך, ציהט זיך אויס,
קאָן פון בלאָטע ניט אַרויס.

ווערט אַ יאָמער: צינגל, צינגל!
אָבער יעדער חדר-אינגל,
האָט ער אָפּגעלערנט קוים,
דאַרף ער קומען באַלד אַהיים.

Deep in mud our Tsingl stayed;
Now, would he become afraid?
Tsingl told himself, "Ho-hum,
I can wait 'til morning comes.

I'll just go to sleep here, out
of doors—" But then, it came about:
A nobleman rode by—what luck!
And saw that Tsingl Khvat was stuck.

He drove his horse straight into town.
Then, from his mount, the man reached down,
Stretched his hand out—one, two, three—
And pulled up Tsingl—he was free!

This nobleman was kind and good;
He held him as a father would.
But Tsingl didn't want to stay
And tried to pull himself away.

The man asked Tsingl, "Tell me, now,
I see you have no lantern! How
Then do you find your way at night?"
Tsingl laughed with all his might.

"Lantern?" Tsingl said, "Who cares?
You think I'll be attacked by bears?
Who needs a lantern? Not for me!
I'd rather go my own way, see?"

The noble asked him, "Are you sure?
Can it really be that you're
Not scared at all?" "No, sir, I'm not—
That's why they call me Tsingl Khvat."

That some boy could be so much
At ease before a noble such
As he was, made the man so glad
That he told this brave young lad,

בלייבט אין בלאָטע צינגל שטעקן.
אָבער צינגל וועט זיך שרעקן?!
צינגל קלערט צו זיך אַליין:
כ'וועל אַזוי ביז מאָרגן שטעהן,

כ'וועל אַזוי אין בלאָטע שלאָפן...
אָבער דאָ האָט זיך געטראָפן:
דורכ'ן מאַרק אַ פּריץ רייט,
זעהט ער צינגלען פון דער ווייט.



לאָזט דער פּריץ זיך פון ווייטן
אויף זיין גוטן פערד צו רייַטן —
און פאַר צינגלען-איינס, צוויי, דרייַ,
שלעפּ—און צינגל איז שוין פריי!

און דער פּריץ איז אַ גוטער,
טוליעט צינגלען אין זיין פוטער,
אָבער צינגל זיצט און ברענט —
רייסט זיך פון דעם פּריצ'ס הענט.

און דער פּריץ קנייטשט זיין שטערן:
- ווי, דו האָסט ניט קיין לאַמטערן?
געהסט אַזוי אַליין ביינאַכט?
האָט זיך צינגל הויך צעלאַכט:

— אַ לאַמטערן, אַ לאַמטערן,
כ'האָב קייַן מורא ניט פאַר בערן,
וועל איך מורא האָבן געהן
דורכן מאַרק בייַנאַכט אַליין?!

לאַכט דער פּריץ, ס'אַראַ אינגל!
זאָג מיר, ווי מען רופט דיך? צינגל
האָט קייַן מורא ניט געהאַט
און ער ענטפערט: צינגל כוואַט!

איז דעם פּריץ שטאַרק געפעלן,
וואָס אַ אינגל זאָל זיך שטעלן
פאַר אַ פּריץ איינס און צוויי;
און דער פּריץ זאָגט אַזוי:

"I'm old and grey, as you can see,
I've traveled far—It seems to me,
Though, such a boy, so bright and clever
I have never met—not ever!

I want you never to forget
Me, lad, so if you will, do let
Me give you something that I've got
That no one else has, Tsingl Khvat.

I've a horse so very rare,
Runs as if he flies on air,
Like an arrow from the bow—
That's how quickly he can go.

I also have a magic ring
That does the most amazing thing—
Just turn it seven times around,
And snow starts falling to the ground.

So, my boy, I'll let you choose
Which thing would you like to use?
Ring or horse, whichever one—
It's yours no sooner said than done!"

"Horse or ring—which one?" thought Tsingl.
How his mind began to tingle!
"Magic ring or flying horse?"
So he answered, "Both, of course!"

The nobleman dismounted, and
He took the ring from off his hand.
"You're quite a fellow, I must say,
Dear Tsingl! Now, be on your way."

He gave the horse a hearty slap,
And Tsingl shouted, "Giddyap!"
To say good-bye he turned around—
The man was nowhere to be found!

Tsingl blinked—where did he go?
Then, like an arrow from the bow
The horse flew from the marketplace
And up the mountainside they raced.

They reached the top; said Tsingl, "Whoa!"
And with the magic ring just so
He turned it seven times around—
Then snow fell gently to the ground.

Next day, folks got out of bed,
Took a look outside and said,
"What is this?" How they did stare!
"Are those snowflakes in the air?"



כ׳בין שוין גרוי און אַלט געוואָרן,
בין אַ וועלט שוין אויסגעפאָרן,
און אַ אינגל אַזאַ ברען,
האָב איך ערגעץ ניט געזעהן.

און אַז דו זאָלסט מיך געדענקען,
וויל איך אַזאַ זאַך דיר שענקען,
וואָס די וועלט האָט ניט געהאַט,
שווײַג און הער זשע, צינגל כוואַט.

כ׳האָב דעם פערד, ער קאָסט מיר טײַער,
ער איז לויטער פלאַם און פײַער –
פליהען פליהט ער, ווי אַ פײַל,
אין אַ רגע דרײַצעהן מײַל.

און איך האָב אַ כשוף=רינגל,
אַזאַ רינגל פאַר אַ אינגל;
טוסט אים זיבן מאָל אַ דרעה,
און עס הויבט אָן געהן אַ שניי.

און דו קאָנסט אַליין זיך שטעלן,
וועלכע זאַך איז דיר געפעלן:
צי דאָס רינגל, צי דאָס פערד —
אָבער ניט קײַן סך געקלערט!

צינדט זיך אָן אינגאַנצן צינגל
— פערד צי רינגל, פערד צי רינגל?
און ער ענטפערט, ניט געקלערט:
כ׳וויל דעם רינגל מיט דעם פערד!

לאַכט דער פריץ: ס׳אַראַ אינגל
ביסטו, צינגל... און דעם רינגל
גיט דער פריץ צינגלען אָפּ,
און ער שפּרינגט פון פערד אַראָפּ.

און גיט צינגלען אָפּ די לייצע
און פאַטשט צינגלען אָן אין פלייצע.
צינגל קוקט: אָט=אָטאָ=טאָ,
און דער פריץ איז ניטאָ.

זשמורעט צינגל צו די אויגן,
וויאָ! און לאָזט זיך פײַל פון בויגן
מיטן רינגל דורכן מאַרק,
דורכן מאַרק און אויפן באַרג.

טפּרו! דאָס פערד בלייבט שטעהן, און
צינגל
טוט אַ נעם דעם כישוף=רינגל,
טוט אים זיבן מאָל אַ דרעה,
און עס הויבט אָן געהן אַ שנײ.



They looked and looked—what a surprise!
They couldn't quite believe their eyes.
And then, they all began to cheer:
"At last, there's snow! The snow is here!"

The townsfolk wanted to rejoice,
But they asked, all in one voice:
"Where is Tsingl? Where's the boy?
Without him there'll be no joy!"

His mother went to find her son.
She called and called his name, 'til one
Schoolboy told her he was lost—
Stuck in mud beneath the frost.

How she wept, did Tsingl's mother!
People said to one another,
"Well, you see? It isn't right
To walk outside alone at night."

But worry not for Tsingl Khvat—
Remember now, that he has got
The noble's swift and trusty horse
And the magic ring, of course.

Tsingl and the horse fly fast
Like a whirlwind, rushing past
Mountains, forests, countryside—
Traveling the whole world wide.

Far away from home he flew,
And the winter followed, too—
Disappeared without a trace,
Off to yet another place.

ון זיי ווילן זיך ניט גלויבּן,
טוען זיי אַ וויש די שויבּן -
ווערט אַ שמחה, ווערט אַ פרייד!
— ס'אַראַ שניי האָט אָנגעשנייט.



זאָלן זיך די מענשן פרעהען,
ווי זיי ווילן און פאַרשטעהען,
זאָרגן האָבּן זיי געהאַט!
וואו איז אָבּער צינגל כוואַט?

זוכט די מאַמע: צינגל, צינגל...
רעדט זיך אויס אַ פלוידער=אינגל,
אַז אין בּלאָטע צינגל שטעקט,
און דער שניי האָט אים פאַרדעקט.



נעמט די מאַמע וויינען, קלאָגן,
נאָר די קלוגע מענשן זאָגן:
לאָזט מען זיך אַזוי ניט געהן
דורכן מאַרק בּייַנאַכט אַליין!

אָבּער אַזאַ כוואַט, ווי צינגל,
און מיט אַזאַ כשוף=רינגל,
און מיט אַזאַ גוטן פערד -
און ס'איז קייַלאַכדיג די ערד —

פליהט מען גיכער, פרייַ און זיכער,
ווי דער ווילדער ווינט און וויכער —
טאָל און בּאַרג און וואַלד און פעלד
אין דער בּרייטער, ווייַטער וועלט.

איז זיך צינגל פייַל פון בּויגן
אויפן פערד אַוועקגעפלויגן,
ווייַטער, ווינטער פון דער היים,
ערגעץ אין דער נאַכט, אין רוים.



Now, when winter comes to town,
And only rain comes pouring down—
And there is no snow to see,
As if the snow had ceased to be—

Then Tsingl and his horse take flight
So swiftly through the starry night
That no one ever really knows
Just when and where our Tsingl goes.

Tsingl and his horse fly fast,
Like a whirlwind, rushing past;
Riding through the marketplace,
Then, up the mountainside they race.

They stop when Tsingl calls out, "Whoa!"
And with the magic ring just so,
He turns it seven times around,
And snow falls gently to the ground.



אָבער ווען פון ווייטע וועגן
קומט דער ווינטער אָן מיט רעגן,
און קייַן שניי איז ניט צוזעהן,
ווי קייַן שניי וואָלט ניט געווען —

ווייַזט זיך צינגל פייל פון בויגן,
פון דער נאַכט אַרויסגעפלויגן;
ניט געזעהן און ניט געהערט,
אויפן פריץ׳ס גוטן פערד.

און ער טראָגט זיך גיכער, זיכער,
ווי דער ווילדער ווינט און וויכער,
מיטן רינגל דורכן באַרג,
דורכן מאַרק און אויפן באַרג.

טפּרו! דער פערד בלייַבט שטעהן, און צינגל
טוט אַ נעם דעם כשוף־רינגל,
טוט אים זיבן מאָל אַ דרעה
און עס פאַלט אַרויס אַ שניי.

